FOR PEACE

Words & Music by R. FRANCIS



For Peace, in freedom's name
The working people of the world unite;
Our heritage we claim;
No more aggressive war we'll fight

CHORUS:
The dawn is breaking now;
The millions waking now;
Unite! Unite!
All nations now unite!
For peace in freedom's name
The people of the world unite!

Each day our forces grow;
Each day our confidence and strength increase
Each day with hearts aglow,
We guard the sacred cause of peace
CHORUS:

We'll build a better world
A happy world that's free from want and fear;
With freedom's flag unfurled,
The victory of peace is near.
CHORUS:

WE'RE FOR PEACE

Words: A. ZHAROV

Music: S. TULIKOV



Let the peoples all
Sound the clarion call:
Join the fight for peace!
We shall stand as one,
Till our cause is won:
War and strife must cease!

CHORUS:
We're for peace! Our message winging
O'er the earth, will set all singing,
Ringing forth in a chorus none shall still:
Unite, and fight for peace!
We shall save the world from ravage,
We shall brave the war-hounds savage,
Firm our purpose, glorious our might!

Heed the clear command:
Forward hand in hand,
Bound by friendship's ties.
Fell the vicious foe,
Leave him lying low,
Nevermore to rise!
CHORUS:

שנעל לויפן די רעדער

ווערטער פון דוד עדעלשטאט — מוזיק פון יעקב שייפער



שנעל לויפן די רעדער, ווילד קלאַפּן מאַשינען,
אין שאַפּ איז שמוציק און הייס,
דער קאָפּ ווערט פאַרטומלט, אין אויגן ווערט פינצטער,
פינצטער פון טרערן און שווייס.

איך פיל שוין בא זיך קיין גאַנצן אבר,
צעבראָכן, צעדריקט איז מיין ברוסט,
איך קען שוין פאַר ווייטיק מיין רוקן ניט בויגן,
ביינאַכט לאָזט ניט שלאָפן דער הוסט.

ס'לויפט ארום דער מייסטער, אַ חיה אַ ווילדע,
ער טרייבט צו דער שחיטה די שאָף,
אָ, ווי לאַנג וועט איר וואַרטן, ווי לאַנג וועט איר דולדן,
אַרבעטער ברידער, וואַכט אויף.

קאָלווירטישע פריילעכס

ווערטער פון א. מאלטינסקי

מוזיק: ס. פּאָלאָנסקי



ברייטער, ברייטער מאַכט די ראָד,
שפּיל אָרקעסטער פריילעך!
מונטערער זאָל זיין דער טראָט,
אינעם גרויסן קאַראַהאָד טאַנצן יאַטן, מיידלעך.

צוזינג

אַלע קומט אין קרייז אַריין,
פריילעך זאָל מען זיין!

טאַנצן לאָמיר זשע אַצינד,
אַלעמען אויף וואונדער.
אונזער פעלד, עס בליט און גרינט,
ס'וויגט די טוואוע און דער ווינט,
רוישנדיק און מונטער.

צוזינג

ס'וואַרטן פעלדער אויפן שניט
טויאיגע און רייפע.
קאָרן, גערשטן, ווייץ און לאין,
אַ גערעטעניש וועט זיין
האיאָר גאָר אַ רייכע.

צוזינג

און דו אַקערסט און דו זייסט

מוזיק אַראַנזשירט: יעקב שייפער



און דו אַקערסט און דו זייסט
און דו פיטערסט און דו נייסט
און דו האַמערסט און דו שפינסט
זאָג מיין פאָלק, וואָס דו פאַרדינסט?

נאָר וואו איז דיין טיש געגרייט?
נאָר וואו איז דיין יום טוב קלייד?
נאָר וואו איז דיין שאַרפע שווערד?
וועלכעס גליק איז דיר באַשערט?

מאַן פון אַרבעט אויפגעוואַכט!
און דערקען דיין גרויסע מאַכט!
ווען דיין שטאַרקע האַנט נאָר וויל,
שטייען אַלע רעדער שטיל.
קלינג, קלאַנג, שטייען אַלע רעדער שטיל...

מײַן רועפּלאַץ

טעקסט: מאָריס ראָזענפעלד



ניט זוך מיך וואו די מירטן גרינען!
געפינסט מיך דאָרטן ניט, מײַן שאַץ,
וואו לעבנס וועלקן בא מאַשינען,
דאָרטן איז מײַן רועפּלאַץ.

ניט זוך מיך וואו די פויגל זינגען!
געפינסט מיך דאָרטן ניט מײַן שאַץ,
אַ שקלאַף בין איך, וואו קייטן קלינגען,
דאָרטן איז מײַן רועפּלאַץ.

ניט זוך מיך וואו פאָנטאַנען שפּריצן!
געפינסט מיך דאָרטן ניט מײַן שאַץ,
אַ שקלאַף בין איך, וואו קייטן קלינגען,
דאָרטן איז מײַן רועפּלאַץ.

און ליבסטו מיך מיט וואַרער ליבע!
טאָ קום צו מיר, מײַן גוטער שאַץ!
און הייטער אויף מײַן האַרץ די טריבע,
און מאַך מיר זיס מײַן רועפּלאַץ.

אינדרויסן איז פינצטער



אינדרויסן איז פינצטער, אינדרויסן איז כמאַרנע,
און סע וועט באַלד גיין אַ שניי, אַ שניי...
אַזוי זיינען אַוועקגעגאַנגען אַלע מיינע יונגע יאָרן,
זיצנדיק שטענדיק באַם גענייִ, באַם גענייִ.

האָדי שוין צו וויינען, האָדי שוין צו קלאָגן,
דו וועסט מאַכן אויף דיין אַרבעט אַ פֿלעק, אַ פֿלעק...
אָט באַלד וועט אַריינגיין דער מייסטער דער מערדער
און טרייבט אונז אַלע פֿון דאַנען אַוועק.

די מאַשינען גייען און די רעדער דרייען,
און אין צימער איז הייס, איז הייס...
אַזוי זיינען אַוועקגעגאַנגען אונזערע יונגע יאָרן,
מיטן בלוטיקן שווייס, אוי, ווייִ, שווייס.

זיינע קינדער גולאַיען, זיי לייענען דאָרט גאַזעטן,
זיי זאָגן — שאָקאָלאַד איז זיס, איז זיס...
זאָלן זיי פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון דער אַרבעט,
צו אויסשטיין אַ טאָג אויף די פֿיס, אויף די פֿיס.

ווי אַזוי זאָלן מיר ניט מקנא זיין דעם באַלעבאָס אַליין,
ווי אַזוי ער לעבט אויס זיינע יאָרן באַרוט?
ער זיצט אין טראַקטיר און טרינקט אַ פֿלעשל ביר,
און ס'צאַפּט זיך אונזער בלוט, אונזער בלוט.

אײדער איך לײג מיך שלאָפֿן



אײדער איך לײג מיך שלאָפֿן,
דאַרף איך שױן אױפֿשטײן.
מיט מײַנע קראַנקע בײנער,
צו דער אַרבעט גײן.

צוזינג.
צו גאָט װעל איך װײנען,
מיט אַ גרױס געװײן!
צו װאָס איך בין געבױרן
אַ נײטאָרין צו זײַן.

איך קום שפּעט צו דער אַרבעט,
ס'איז דאָך װײַט דער װעג —
שלאָגט מען מיר אָפּ,
פֿאַר האַלבע טעג!

צוזינג

נאָדלען װערן צעבראָכן,
פּופּצן אַ מינוט.
די פֿינגער װערן צעשטאָכן,
עס רינט פֿון זײ דאָס בלוט.

צוזינג

איך לײַד שטענדיק הונגער,
איך האָב נישט װאָס צו עסן.
װײַל איך געלט בעטן,
הײסט מען מיר פֿאַרגעסן.

צוזינג

אידן שמידן



אידן שמידן זינגען,
זינגען איז דער עיקר,
קלינגען אייזנס, קלינגען,
שפּריצן פונקען שטיקער.

צוזינג

העי, העי, וואויל דעם שמידער,
וואויל איז אים און גוט,
זיינע שטאָל־און־אייזן־גלידער
צינדן אונז דעם מוט.

מענטשן נעבאך בלינדע
אין דער פינצטער טאַפּן,
דאַרף מען זיי אַצינדער
פּאָרקאָוועס צוקלאַפּן.

צוזינג

צער און צאָרן גליען,
ווילן דווקא פריי זיין,
דאַרף מען איבערשמידן
שווערד אויף אַקעראייזן.

צוזינג

שלאָף מיין קינד, שלאָף כּסדר



שלאָף מיין קינד, שלאָף כּסדר,
זינגען וועל איך דיר אַ ליד.
אַז דו מיין קינד וועסט עלטער ווערן,
וועסטו וויסן אַן אונטערשיד.

אַז דו מיין קינד וועסט עלטער ווערן,
וועסטו ווערן מיט לייטן גלייך.
דאמאָלסט וועסטו געוואויר ווערן,
וואָס הייסט אָרעם און וואָס הייסט רייך.

די טייערסטע פּאַלאַצן, די שענסטע הייזער,
דאָס אַלץ מאַכט דער אָרימאַן.
נאָר ווייסטו ווער עס טוט אין זיי וואוינען?
גאָרניט ער נאָר דער רייכער מאַן.

דער אָרימאַן, ער ליגט אין קעלער,
דער ווילגאָטש רינט אים פֿון די ווענט.
דערפֿון באַקומט ער אַ רומאַטן-פֿעלער,
אין די פֿיס און אין די הענט.
שלאָף מיין קינד.....

אינדרויסן גייט אַ דראָבינקער רעגן



אינדרויסן גייט אַ דראָבינקער רעגן,
איי, די וואָלקענעס, זיי האָבן זיך פאַרשפּרייט.
זייט איך האָב נאָר די בעקעריי דערקענט,
אַזוי האָט זיך מיר דער קאָפּ פאַרדרייט.

אַ מיל אַז זי מאָלט, מאָלט זי כּסדר,
פאַר איר אָפּשטעל איז אויך דאָ אַ מינוט,
קוקט נאָר אָן דאָס קלענסטע בעקער־ייִנגל,
צי פאַרמאָגט ער דען אַ טראָפּן בלוט.

דער בעקער מיט דער בעקערין, זיי קומען אין דער בעקעריי.
לויט זייער רייכטום און לויט זייער שטייגער:
זי גייט אָנגעטאָן אַ פּאָר בריליאַנטענע אוירינגען.
און ער אין אַ גאָלדענעם זייגער.

אויסגעשטעלט אין גלייכע רייען



אויסגעשטעלט אין גלייכע רייען,
אויסגעשטעלט אין גלייכע רייען,
אויסגעשטעלט אין גלייכע רייען,
זעט נאָר זעט, ווי מיר גייען.

סיי אין שטורעם, סיי אין רעגן,
סיי אין שטורעם, סיי אין רעגן,
סיי אין שטורעם, סיי אין רעגן,
שפּאַנען מיר אויף אַלע וועגן.

היי! מיר חברה, זיינען יונג,
היי! מיר חברה, זיינען יונג,
היי! מיר חברה, זיינען יונג,
גיט אַ נייע ליד אַ זונג.

שטאָלץ און מוט איז אונזער פּאָן,
שטאָלץ און מוט איז אונזער פּאָן,
שטאָלץ און מוט איז אונזער פּאָן,
הילכט אין יעדער אונזער טאָן.

מיט אַ שלום ליד אַ נייעם,
מיט אַ שלום ליד אַ נייעם,
מיט אַ שלום ליד אַ נייעם,
גייען מיר די וועלט באַפרייען.

זאָג ניט קיינמאָל



זאָג ניט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
כאָטש הימלען בלײַענע פֿאַרשטעלן בלויע טעג,
קומען וועט נאָך אונזער אויסגעבענקטע שעה,
ס'וועט אַ פּויק טאָן אונזער טראָט מיר זײַנען דאָ.

פֿון גרינעם פּאַלמען־לאַנד ביז ווײַטן לאַנד פֿון שניי,
מיר קומען אָן מיט אונזער פּײַן, מיט אונזער וויי,
און וואו געפֿאַלן איז אַ שפּריץ פֿון אונזער בלוט,
שפּראָצן וועט דאָרט אונזער גבורה, אונזער מוט.

זאָג ניט קיינמאָל...

ס'וועט די מאָרגן־זון באַגילדן אונז דעם הײַנט,
אונזער נעכטן וועט פֿאַרשווינדן מיטן פֿיינט,
נאָר אויב פֿאַרזאַמען וועט די זון און דער קאַיאָר,
ווי אַ פּאַראָל זאָל גיין דאָס ליד פֿון דור צו דור!

דאָס ליד געשריבן איז מיט בלוט און ניט מיט בליי,
ס'איז ניט קיין לידל פֿון אַ פֿויגל אויף דער פֿרײַ,
דאָס האָט אַ פֿאָלק צווישן פֿאַלנדיקע ווענט
דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט.

ס'דרעמלען פייגל אויף די צווייגן



ס'דרעמלען פייגל אויף די צווייגן,
שלאָף מיין טייער קינד.
ביי דיין וויגל, אויף דיין נאָרע,
זינגט אַ פרעמדע און זינגט.

צוזינג...
לו—לו—לו—לו—לו—

ס'איז דיין וויגל וואו געשטאַנען,
אויסגעפלאָכטן פון גליק.
און דיין מאַמע, אוי דיין מאַמע,
קומט שוין קיינמאָל ניט צוריק.
צוזינג...

כ'האָב געזען דיין טאַטן לויפן,
אונטער האָגל פון שטיין —
איבער פעלדער איז געפלויגן,
זיין פאַר'יתומ'טער געוויין.
צוזינג...

פּאַרטיזאַנער ליד



שטיל, די נאַכט איז אויסגעשטערנט,
און דער פראָסט האָט שטאַרק געברענט.
צי געדענקסטו ווי איך האָב דיך געלערנט
האַלטן אַ שפּייער אין די הענט?

אַ מויד, אַ פּעלצל און אַ בערעט,
און האַלט אין האַנט פעסט אַ נאַגאַן.
אַ מויד מיט אַ סאַמעטענעם פּנים,
היט אָפּ דעם שונא'ס קאַראַוואַן.

געצילט, געשאָסן און געטראָפן!
האָט איר קליינינקער פּיסטויל,
אַן אויטאָ, אַ פולינקן מיט וואָפן
פאַרהאַלטן האָט מיט איין קויל.

פאַרטאָג, פון וואַלד אַרויסגעקראָכן,
מיט שניי גירלאַנדן אויף די האָר.
געמוטיקט פון קליינינקן נצחון
פאַר אונזער נייעם, פרייען דור!

דאָס נייע ליד

טעקסט: א. רייזן



און זאָל ווי ווייט
נאָך זיין די צייט,
פון ליבע און פון שלום,
דאָך קומען וועט,
צו פרי, צו שפּעט,
די צייט — עס איז קיין חלום.

איך הער דאָס ליד
פון ליבע, פריד
פון מעכטיקע געזאַנגען,
און יעדער טאָן
פון ליד זאָגט אָן —
די זון איז אויפגעגאַנגען.

עס עקט די נאַכט,
די וועלט דערוואַכט,
פול האָפענונג, לוסט און שטרעבן,
איך הער אין לופט,
אַ שטימע רופט
צו מוט און קראַפט און לעבן.

קו מאַ צען

טעקסט: שרה בארקאן

מוזיק: י. שראַגין



גליַיך שוין אויס מיַין קינד דעם רוקן,
דאַרפן מיר זיך מער ניט בוקן,
כ'האָב פאַר דיר אַ נײַ געזאַנג
ציַנגאַ—צאַנגאַ—ציַנגאַ—צאַנג.

דאַרף דיַין טאַטע ניט זיַין קיַין פערד,
אונזער זון און אונזער ערד.
פריי זיך קליינער, קון מא צען,
ציַנגא—לילא—ציַנגא—לען.

נעם מיך קינד מיַינס שטאַרק אַרום,
נייער פרילינג, קליינער בוים.
כ'דאַרף ניט טראָגן דיך אין זאַק,
ציַנגאַ—צאַנגאַ—ציַנגאַ—צאַנג.

זע דיַין מאַמע גליַיכט זיך אויס,
אונזער לאַנד איז פריי און גרויס,
קוש מיך קליינער, קון מא צען,
ציַנגאַ—צאַנגאַ—ציַנגאַ—לען.

וועסט ניט שטאַרבן קליינערהייט,
ס'לעבן איז פאַר דיר געגרייט.
עפן אויגן בריַיט און פריי,
ציַנגאַ—לילא—ציַנגאַ—לאַי.

וועסט ניט זיַין מער דאַר און קליין,
וואַקסן וועסטו שטאַרק און שיין.
הויב אָן לאַכן, קון מא צען,
ציַנגאַ—לילאַ—ציַנגאַ—לען.

פארוואָס זאל זיין מיין חתן א סאָלדאט



קיין עסן און קיין טרינקען מאַמע נעמט מיך ניט
איך גיי אַרום שטענדיק, שטענדיק וויינענדיק
איך פרעג נאָר בא דיר טייערער גאָט
פאַר וואָס זאָל זיין מיין חתן אַ סאָלדאַט?

איך וועל זיך צושטעלן אַ לייטערל
און אַרויפקריכן וועל איך צו גאָט
איך וועל בא אים פרעגן: איינע—צוויי—דריי ווערטער
פאַרוואָס זאָל זיין מיין אַ חתן אַ סאָלדאַט?

עס וואָלט זיך אויפהויבן אַ שטורעם־ווינט
און אַוועקטראָגן וואָלט עס מיך צו דיר
אַז איך זאָל דערזען דיין שיינעם קאָפּ האָר
און טאַקע זיך צעקושן אויך מיט דיר.

אוי דו מיין טייערער גאָט
ווי אַזוי וועל איך דאָס קענען צוזען
דער קייסער וועט צונעמען מיין טייערן בריליאַנט
און איך וועל דאַרפן פון דער וויטנס שטיין.

ZUM GALI GALI

ISRAELI



Zum gali gali, Zum gali gali
Hechalutz le'man avodah,
Avodah le'man hechalutz

Avodah le'man hechalutz
Hechalutz le'man avodah.

Hechalutz le'man hab'tulah
Hab'tulah le'man hechalutz

Hab'tulah le'man hechalutz
Hechalutz le'man hab'tulah

Hashalom le'man ha'amim
Ha'amim le'man hashalom

Ha'amim le'man hashalom
Hashalom le'man ha'amim.

בין איך מיר א פּאַסטוכל

מוזיק: לעאָן ווײַנער



בין איך מיר אַ פּאַסטוכל
פון מיין טאַטנס דאָרף.
כ'פּאַשע מיר די קיעלעך,
קיעלעך און שאָף.
זינג איך מיר אַ לידעלע
אַזוי קלאָר און זיס.
ברומט מיר צו דאָס טייכעלע,
וואָס פון בערגל פליסט.
דו—דו—דו—דו—

קומט פון וואַלד אַ וועלפעלע,
כ'וויים ניט פון קיין שרעק,
כ'וויז אים נאָר מיין שטעקעלע,
לויפט ער גלייך אוועק.
קומט דער אָוונט, טרייב איך גיך,
כ'טרייב אַהיים די שאָף,
זינג איך פריש אַ לידעלע
פון מיין טאַטנס דאָרף.
דו—דו—דו—דו—

בלימעלעך און פּערעלעך

טעקסט: רבקה גאלין
מוזיק: לעאָן ווײַנער



בלימעלעך און פּערעלעך
האָב איך אויסגעקליבן,
פֿאַר מײַן קלײנעם קינדעלע
לידעלעך געשריבן.

רעפריין
ווײַל איך וויל, אַז קינדעלע
זאָל צופֿרידן זײַן,
ליולינקע, מײַן קינדעלע,
ליולינקע, שלאָף אײַן.

מאָרגן וועל איך לאָזן זיך
יאָגן נאָכן שטאַרקן ווינט,
נײַע שײנע וואונדערלעך
זוכן פֿאַר מײַן קינד.

רעפריין
ווײַל איך וויל, אַז קינדעלע...

וואָלט פֿון הרי חושך וואָס,
קינדעלע מײַנס זיך פֿאַרטראַכט,
וואָלט איך אין אַ רעגעלע
תּיכּף דאָס געבראַכט.

רעפריין
ווײַל איך וויל...

וואָס האָט באַ מיר פֿאַר אַ ווערט
מײַן אײנציק לעבן?
כ'וואָלט אַפֿילו צען געהאַט
וואָלט איך אָפּגעגעבן.
נאָר מײַן קלײן קינדעלע
זאָל צופֿרידן זײַן.
ליולינקע מײַן קינדעלע,
ליולינקע, שלאָף אײַן.

KLEZMER SHPILN



Di Rim Di Rim Di Rim Di Rim Di Rim
Pom pom pom pom pom pom pom
Pa pa pa pa pa pa pa
Pa pa pa pa pa pa pa
Pom pom pom pom pom pom pom



פאפיר איז דאָך ווייס



פאפיר איז דאָך ווייס און טינט איז דאָך שוואַרץ,
צו דיר מיין זיס לעבן, ציט דאָך מיין האַרץ.
איך וואָלט שטענדיק געזעסן דריי טעג נאָכאַנאַנד
צו קושן דיין שיין פּנים און צו האַלטן דיין האַנט.

נעכטן ביינאַכט בין איך אויף אַ חתונה געוועז,
פיל שיינע מיידעלעך האָב איך דאָרט געזען,
פיל שיינע מיידעלעך — צו דיר קומט נישט גאָר —
מיט דיינע שוואַרצע אייגעלעך און דיינע שוואַרצע האָר.

דיין טאַליע, דיין מינע, דיין אײדעלער פּאַסאָן,
אין האַרצן ברענט אַ פייער, מען זעט עס ניט אָן,
ניטאָ אַזאַ מענטש, וואָס זאָל פילן ווי עס ברענט,
דער טויט און דאָס לעבן איז בײַ גאָט אין די הענט.

אך דו ליבער גאָט, הער אויס מיין פאַרלאַנג,
דעם אושר גיסטו כבוד, מיט אַ שיינעם גאַנג —
אָ, מיר גיב אַ שטיבעלע אויף דעם גראָז דעם גרינעם
אַז איך מיט מיין זיס לעבן זאָלן וואוינען דערינען.

די מאמע קאכט ווארעניקעס



די מאַמע קאָכט װאַרעניקעס, און איך בין גאָר פֿליישיק,
דערזע איך אַ שיין מיידעלע, קריג איך צו איר חשק.
לאַ—לאַ—לאַ—

מיר געפֿעלט דאָס מיידעלע, מיין מאַמע אין דער מיט,
איך האָב ליב דאָס מיידעלע, מיין מאַמע וויל זי ניט.
לאַ—לאַ—לאַ—

שיין איז דאָס מיידעלע, ווי די גאַנצע וועלט,
נאָר איין חסרון האָט זי זיך, זי האָט דאָך ניט קיין געלט.
לאַ—לאַ—לאַ—

געלט איז דאָך קיילעכדיק, עס קייקלט זיך אַוועק,
נעם איך מיר מיין מיידעלע און פֿאָר מיט איר אַוועק.
לאַ—לאַ—לאַ—

ווי אַזוי לעבט דער קייסער



רבותי, רבותי! חכמים אָן אַ ברעג!
כ׳וועל אייך פרעגן, כ׳וועל אייך פרעגן?
נו פרעג־זשע, פרעג־זשע, פרעג!
ענטפערט אַלע אויף מיין שאלה:
ווי אַזוי טרינקט דער קייסער טיי?
מ׳נעמט אַ היטעלע צוקער,
און מ׳מאַכט אין דעם אַ לעכעלע,
און מ׳גיסט אַריין היים וואַסער,
און מ׳מישט, און מ׳מישט,
אוי אָט אַזוי, אוי אָט אַזוי,
אָט אַזוי טרינקט דער קייסער טיי...

רבותי רבותי און אַזוי ווייטער...
ווי אַזוי עסט דער קייסער בולבעס?
מ׳נעמט אַ פעסעלע פוטער,
און מ׳שטעלט אַוועק דעם קייסער אויף דער אַנדערער זייט,
און אַ ראָטע סאָלדאַטן מיט האַרמאַטן,
שיסן די בולבעס, דורך דער פוטער,
דעם קייסער גלייך אין מויל אַריין.
אוי, אָט אַזוי, אוי אָט אַזוי,
אָט אַזוי עסט דער קייסער בולבעס.

רבותי, רבותי און אַזוי ווייטער...
ווי אַזוי שלאָפט דער קייסער ביינאַכט?
מ׳שיט אָן אַ פולן חדר מיט פעדערן,
און מ׳כמאַליעט אַהין אַריין דעם קייסער,
און דריי פאָלק סאָלדאַטן,
שטייען אַ גאַנצע נאַכט און שרייען, שאַ! שאַ! שאַ!
אוי אָט אַזוי, אוי אָט אַזוי,
אָט אַזוי שלאָפט דער קייסער ביינאַכט...

ביים חתנ׳ס טיש



איך וועל אייך אָנהויבן צו דערקלערן,
וואָס פון איינס קען אַלץ ווערן.
איינס איז דעם חתנ׳ס טיש,
וואו מען עסט און וואו מען טרינקט,
וואו מען הוליעט און וואו מען זינגט —
יו, לאַ, לאַ, יו, לאַ, לאַ, (4 מאָל)

איך וועל אייך אָנהויבן צו דערקלערן,
וואָס פון צוויי קען אַלץ ווערן.
צוויי זיינען חתן־כלה,
וואָס זיי שטייען איבער אַלע...

איינס איז דעם חתנ׳ס טיש,
וואו מען עסט און וואו מען טרינקט,
וואו מען הוליעט און וואו מען זינגט —
יו, לאַ, לאַ, יו, לאַ, לאַ (4 מאָל)

דריי זיינען די מחותנים,
וואָס זיי ציילן די מזומנים.

פיר זיינען די חופּה שטאַנגען,
חתן־כלה אַפיר געגאַנגען.

פינף זיינען די כלי־זמרים,
וואָס זיי שפּילן פאַר רייך און אָרים.

זעקס זיינען די זעקס טעג,
וואָס מען טאָר ניט און וואָס מען מעג.

זיבן זיינען די שבע ברכות,
מען זאָגט צו נדן, מ׳גיט קרחות.

(זעקס, פינף, פיר, דריי ביז צו איינס).

א ליבעס ליד פון א קאלווירטקע

ווערטער: אבארבאנעל

מוזיק: בען יאמען



ס'איז דער סטעפּ שוין אָפּגעשאָרן,
און שוין אַלץ צונויפגענומען.
ליבסטער מיינער, קום צופאָרן,
איך וועל וואַרטן אויף דיין קומען.

די אַרבוזן זיינען צייטיק,
ס'גייט די זאַפט פון זיי אַריבער,
פול מיט זיסקייט אָנגעגאָסן,
ווי מיין האַרץ איז פול מיט ליבע.

און די קאַרשן, ליבסטער מיינער,
זיינען שוואַרץ ווי דיינע אויגן.
אָנגעשאָטן אויף דיביימער
און די צווייגן זיך אַזש בויגן.

קום צופאָרן, ליבסטער מיינער,
און גענוג שוין אונז צו טרוימען
רייף און צייטיק איז מיין ליבע,
ווי ס'איז צייטיק מיינע פלוימען.

בא מיין מאַמעס הייזעלע

געזאַמלט פון י. ל. כהן



בא מיין מאַמעס הייזעלע, הייזעלע,
בין איך מיר געשטאַנען (2)
אַך מיין טייער לעבן,
איז פאַרביי געגאַנגען.

מיט די בלויע אייגעלעך, אייגעלעך,
מיט די בלאָנדע האָר (2)
כ'האָב געמיינט אַז וואָס ער רעדט
איז דאָך אַלץ וואָר.

כ'האָב געמיינט אויף זיינע רייד, אויף זיינע רייד,
קען מען שטעלן מויערן (2)
ער האָט דאָך מיר אַזוינס געטאָן
אַז איך מוז גאָר וויינען און טרויערן.

אַך ווי מאַמעשי, מאַמעשי!
מאַמעשי איך פאַל (2)
זינט איך האָב אָנגעהויבן אַ ליבע פירן,
פלאַצט אין מיר די גאַל.



דאַנאַ דאַנאַ

טעקסט: קאַצענעלסאָן



אויף אַ פֿורל ליגט אַ קעלבל,
ליגט געבונדן מיט אַ שטריק,
הויך אין הימל פֿליט אַ שוועלבל,
פֿרייט זיך, דרייט זיך הין און צוריק.

צוזינג
לאַכט דער ווינט אין קאָרן,
לאַכט און לאַכט און לאַכט,
לאַכט ער אָפּ אַ טאָג אַ גאַנצן,
און אַ האַלבע נאַכט.

שרייט דאָס קעלבל, זאָגט דער פּויער,
ווער־זשע הייסט דיך זיין אַ קאַלב?
וואָלסט געקאָנט דאָך זיין אַ פֿויגל,
וואָלסט געקאָנט דאָך זיין אַ שוואַלב.

צוזינג

בידנע קעלבלעך טוט מען בינדן,
און מען שלעפּט זיי און מען שעכט,
ווער ס'האָט פֿליגל, פֿליט אַרויפֿצו,
איז בא קיינעם ניט קיין קנעכט.

צוזינג

פון וואנען הויבט זיך אן א ליבע

אַ פאָלק ליד



ון וואַנען הויבט זיך אָן א ליבע?
ון רעדן, פון שמועסן, פון לאַכן.
יינזער ליבע האָט זיך אָנגעהויבן,
אָר פון אַנדערע זאַכן.

דאָרטן גייען זיך פאָרעלעך צווייּ,
דאָרטן גייען זיך פאָרעלעך צווייּ,
ליבן, ליבן זיי זיך זייער —
ס'איז ניטאָ קיין גלייכן צו זיי.

גענוג שוין מיט מיר צו רעדן,
גענוג שוין מיט מיר צו שמועסן,
פיר מיך שוין אָפּ אהיים
דער טאַטע וועט די טיר פאַרשליסן.

אַ היים לובטשו וועל איך דיך אָפּפירן
באַם גלעקעלע וועסטו אָנקלינגען,
אַ ליד וועל איך פון אונז ביידן מאַכן,
די גאַנצע וועלט זאָל פון אונז זינגען.

איך זיץ און שפּיל אויף דער גיטאַרע



איך זיץ און שפּיל מיר אויף דער גיטאַרע,
און זינג זיך מיר אַ ליד פֿון זיך אַליין.
אוי, מיין סטראַדאַניע ווייסט נאָר גאָט דעם אמת,
אוי, מיין סטראַדאַניע ווייסט נאָר ער אַליין.

שפּאַצירן זיינען מיר ביידע געגאַנגען
אַרום און אַרום דעב קיילעכדיקן וואָקזאַל.
אוי, צוגעשוואוירן האָט ער מיר, אוי, מאַמע,
אַז איך וועל זיין זיין פֿרוי און ער מיין מאַן.

שפּאַצירן זיינען מיר ביידע געגאַנגען
אַרום און אַרום דעם גאָראָדסקוי שפּיטאָל.
אַן אומחן, מאַמעניו, האָט ער אויף מיר געוואָרפֿן,
אַן אומחן, מאַמע, מאַמע, מיטאַמאָל!

צווײ טײַבעלעך



צווײ טײַבעלעך זײַנען איבערן וואַסער געפֿלויגן,
און די פּיסקעלעך האָבן זײ זיך געקושט.
פֿאַרשאָלטן זאָל ווערן נאָר יענער מענטש,
וואָס האָט זיך אין אונזער ליבע אוי, אַרײַנגעמישט.

און אַז דו וועסט קומען אין אַ פֿרעמדער שטאָט, ליובעניו,
מײַנע רייד זאָלסטו באַדענקען!
און אַז דו וועסט קומען איבער אַ טיפֿן וואַסער, ליובעניו,
פֿאַר גרויס צרות זאָלסטו זיך נישט דערטרינקען.

און אַז דו וועסט קומען אין אַ ווײַטער שטאָט, ליובעניו,
מײַנע רייד זאָלסטו באַקענען!
און אַז דו וועסט קומען איבער אַ פֿײַער, ליובעניו,
פֿאַר גרויס צרות זאָלסטו זיך נישט פֿאַרברענען.

צווײ טײַבעלעך זײַנען איבערן וואַסער געפֿלויגן,
זײערע פֿליגעלעך האָבן זײ צעשפּרייט,
קיין גוטן סוף זאָל דער מענטש נישט האָבן
וואָס האָט אונז פֿון דער ליבע אַזוי גיך צעשיידט.

װיגנדיק א פרעמד קינד

פאָלק ליד



זאָלסט אַזוי לעבן און זײַן געזינט,
װי איך װעל דיר זיצן און װיגן ס'קינד.

צוזינג

אײ—ליו—ליו—שאַ—שאַ—שאַ—

דײַן מאַמעשי ז'געגאַנגען אין מאַרק אַרײַן,
אײ—ליו—ליו— שלאָף מײַן קינד.
די מאַמעשי װעט קומען גיך און געשװינד.

זאָלסט אַזוי לעבן, ס'גײט מיר דערינגען,
דײַן מאַמעשי ז'געגאַנגען אין מאַרק אַרײַן פֿאַרדינען.

צוזינג

אַנדערע מײדעלעך טאַנצן און שפּרינגען,
און איך מוז ס'קינד װיגן און זינגען.

צוזינג

אַנדערע מײדעלעך צוקערקעלעך נאַשן,
און איך מוז ס'קינד װינדעלעך װאַשן.

צוזינג

אויפן בארג, איבערן בארג



אויפן באַרג, איבערן באַרג,
פֿליען טויבן פּאָרן,
נאָך גאָר קיין נחת ניט דערלעבט,
אַוועק אונזערע יונגע יאָרן.

שפּאַנט־זשע ברידער, פֿערד און וואָגן,
לאָמיר לויפֿן, יאָגן!
טאָמער וועלן מיר נאָך דעריאָגן
אונזערע יונגע יאָרן.

שוין דעריאָגט די יונגע יאָרן
אויף דער הויכער בריק,
יאָרן, יאָרן, קערט זיך אום,
כאָטש אין געסט צוריק.

ניין, ניין, מירן זיך ניט אומקערן —
ס'איז ניטאָ צו וועמען,
האָט איר פֿריער ניט געדאַרפֿט,
אונז אַזוי פֿאַרשעמען!

ביסטו מיט מיר ברוגז



ביסטו מיט מיר ברוגז?
ווייס איך ניט פֿאַרוואָס —
גייסט אַרום אַ גאַנצן טאָג,
אַראָפּגעלאָזט די נאָז.

טאַי—די—דאַי, דאַי—דאַי—דאַי
גייסט אַרום אַ גאַנצן טאָג
אַראָפּגעלאָזט די נאָז.

און אפשר ווילסטו וויסן
אַז איך האָב דיך ליב?
לאָמיר בײדע אַריבערפֿאָרן
צו דעם גוטן איד.

טאַי—די—

צו אַ גוטן אידן
אַ פּדיון אים אָפּגעבן,
זאָל ער פֿאַר אונדז גאָט בעטן
אויף אַ גוט לעבן.

טאַי—די—

און אַז מיר וועלן קומען
צוריק פֿון גוטן איד,
וועלן מיר בײדע אַריבערפֿאָרן
אין זעלווע אויפֿן יאַריד.

טאַי—די—

דאָרט וועל איך דיר קויפֿן
אַ זייגער מיט אַ קייט,
און אַ שיינע, גרויסע שטיק
זיידנס אויף אַ קלייד.

טאַי—די—

טאָ זײַ־זשע מער ניט ברוגז,
און גרייט אויף גיך צום טיש!
און זעץ זיך מיט מיר עסן,
באַקומסטו פֿון מיר אַ קיש!

טאַי—די—

יאנקעלע

טעקסט: מ. געבירטיג



שלאָף־זשע מיר שוין, יאַנקעלע מיין שיינער,
די אייגעלעך די שוואַרצינקע מאַך צו.
אַ יינגעלע וואָס האָט שוין אַלע ציינדעלעך,
מוז נאָך די מאַמע זינגען איי־ליו־ליו.

אַ יינגעלע וואָס לערנען וועט גמרא,
אַט שטייט דער טאַטע, קוועלט און הערט זיך צו.
אַ יינגעלע וואָס וואַקסט אַ תלמיד חכם,
לאָזט גאַנצע נעכט דער מאַמען ניט צורו?

אַ יינגעלע וואָס האָט שוין אַלע ציינדעלעך,
און וועט מיט מזל באַלד אין חדר גיין,
און לערנען וועט ער, חומש און גמרא,
זאָל וויינען ווען די מאַמע וויגט אים איין?

אַ יינגעלע וואָס וואַקסט אַ תלמיד חכם,
און אַ גענעטער סוחר אויך צוגלייך.
אַ יינגעלע אַ קלוגער חתן בחור,
זאָל ליגן אַזוי נאַס ווי אין אַ טייך?

נו שלאָף־זשע מיר, מיין קלוגער חתן בחור,
דערווייל ליגסטו אין וויגעלע בײַ מיר —
ס'וועט קאָסטן נאָך פיל מי און מאַמעס טרערן,
ביז וואַנען ס'וועט אַ מענטש אַרויס פון דיר.

אינהאלט

זייט

יאַנקעלע — 77
ביזטו מיט מיר ברוגז — 76
אויפן באַרג איבערן באַרג — 75
וויגנדיק אַ פרעמד קינד — 74
צוויי טייבעלעך — 73
איך זיץ און שפּיל אויף דער גיטאַרע — 72
פון וואַנען הויבט זיך אָן אַ ליבע — 71
דאנא דאנא — 70
בא מיין מאַמעס הייזעלע — 69
ליבעסליד פון אַ קאָלווירטקע — 68
באַם חתנ׳ס טיש — 67
ווי דער קייסער לעבט — 66
די מאַמע מאַכט וואַרעניקעס — 65
פּאַפּיר איז דאָך ווייס — 64
קלעזמער שפּילן — 63
בלימעלעך און פּערעלעך — 62
דאָס פּאַסטעכל — 61
זום גאַלי גאַלי — 60
פאַרוואָס זאָל זיין מיין חתן אַ סאָלדאַט — 59
קום מא צען — 58
דאָס נייע ליד — 57
פּאַרטיזאַנער ליד — 56
ס׳דרעמלען פייגל — 55
זאָג ניט קיינמאָל — 54
אויסגעשטעלט אין גלייכע רייען — 53
אין דרויסן גייט אַ דראָבינקער רעגן — 52
שלאָף מיין קינד שלאָף כסדר — 51
אידן שמידן — 50
איידער איך לייג מיך שלאָפן — 49
אין דרויסן איז פינסטער — 48
מיין רוע פּלאַץ — 47
און דו אַקערסט — 46
קאָלווירטיש פּרייליכס — 45
שנעל לויפן די רעדער — 44

דאָס דאָזיקע געזאַנג־ביכל ווערט אַרויסגעגעבן פֿון דעם נאַציאָנאַלן קולטור־קאָמיטעט פֿון דעם פֿאַראייניקטן אידישן פֿאָלקס־אָרדן אין קאַנאַדע. מיר זיינען צופֿרידן, וואָס מיר זיינען אין אַ לאַגע צו מאַכן אָט־דעם ביישטײַער צו דער אַנטוויקלונג פֿון דער דעמאָקראַטישער קולטור בא אונז אין לאַנד.

העלפֿט פֿון די לידער אינעם ביכל שטאַמען פֿון די אידישע אַרבעטער־און־פֿאָלקס־מאַסן. זיי זיינען רייך מיט דעם גייסט פֿון די קאַמפֿן און ליידן, מיט די ליבעס און פֿריידן, מיט דעם הומאָר און סאַטירע וואָס שפּראָצט פֿון די טיפֿענישן פֿון פֿאָלק. די צווייטע העלפֿט נעמט אַריין קאַנאַדער לידער און לידער פֿון אַנדערע פֿעלקער, וועלכע גיבן אויסדרוק צו דעם הייסן באַגער פֿאַר אַ שענער און בעסער לעבן.

צי איר וועט די לידער זינגען אין אַ כאָר אָדער בא זיך אינדערהיים, בא פֿאַרווײַלונגען אָדער קאָנצערטען, וועלן זיי זיכער אַרויסרופֿן האַרציקע וואַרעמקייט און אינספּיראַציע. מיר האָפֿן, אַז דאָס געזאַנג־ביכל וועט העלפֿן סטימולירן די פֿאָרמירונג פֿון גרופּעס פֿאַר פֿאָלקס־געזאַנג אין פֿאַרשיידענע שטעט איבערן לאַנד און, אַז אָט די פֿאָלקס־זינגער וועלן אַנטדעקן, אָפּהיטן, באַרייכערן און ברענגען צו די מאַסן די קאָלירפֿולע לידער פֿון די פֿאַרשיידענע פֿעלקער.

דער קולטור־קאָמיטעט פֿון דעם פֿאַראייניקטן אידישן פֿאָלק־אָרדן דריקט אויס זיין אָנערקענונג און דאַנק גאָר באַזונדערס צו פֿייגל גאַרטנער, דירעקטאָר פֿון די אָרדן פֿאָלקס־זינגער אין טאָראָנטאָ, וועמענס ביישטראָג פֿאַר אַרויסגעבן דאָס ביכל לידער איז געווען פֿון גרויס וויכטיקייט.

לאָמיר זינגען די לידער פֿון פֿאָלק!

לאָמיר זינגען

די לידער פון פאָלק

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05096

LET'S SING THE SONGS OF THE PEOPLE

Permanent preservation of this book was made possible
by Drs. Paul & Rachael Klonymus Guth
in memory of
their beloved father, Jacob Klonymus

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS